**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/04/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט ערשטע חודש פון פארברייטערטע בארעכטיגונג פאר טשיילד קעיר הילף**

***אקטאבער 2023 איז ערשטער חודש פון טשיילד קעיר בארעכטיגונג אויסברייטערונג; בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 העכערט בארעכטיגונג מאקסימום צו פעדעראלע מאקסימום פאר פאמיליעס אין דעם פראגראם; לייגט ארויף גרעניץ פאר קאסטן נישט צו זיין העכער פון 1 פראצענט העכער ארימקייט שטאפל***

***גאווערנער'ס בודזשעט שטעלט צו 7.6 ביליאן דאלאר אויסגעשפרייט איבער פיר יאר פאר טשיילד קעיר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט באדייטנדע פארשריט צו פארברייטערן צוטריט צו אפאָרדעבעל טשיילד קעיר (פלעי גרופּס א.ד.ג.) פאר ניו יארק'ס שווער-ארבעטנדע פאמיליעס דורכן העכערן די מאקסימום איינקונפט וואס זיי קענען פארדינען און נאכאלץ זיין בארעכטיגט צו די פעדעראלע מאקסימום, און אזוי אויך ארויפלייגנדיג א גרעניץ אויף וויפיל טשיילד קעיר קען קאסטן און פארמערן די צאל ערלויבטע פארפעלטע טעג פאר פאמיליעס אין דעם [טשיילד קעיר הילף פראגראם (Child Care Assistance Program, CCAP)](). די אקט וואס איז טייל פון א [7.6 ביליאן דאלארדיגע טשיילד קעיר אינוועסטירונג]() אויסגעשפרייט איבער פיר יאר העכערט די מאקסימום וויפיל א פאמיליע קען פארדינען און נאכאלץ זיין בארעכטיגט פאר CCAP פון 300 פראצענט פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל – דהיינו $83,250 פאר א פאמיליע פון פיר – צו 85 פראצענט פון די סטעיט'ס מיטלגארטיגע (מידיען) איינקונפט – דהיינו $93,200 פאר א פאמיליע פון פיר – ארויסהעלפנדיג נאך 100,000 ניו יארקע פאמיליעס.

"אלס איינער וואס איז אריבער באדייטנדע שוועריגקייטן ביים ארבעטן אויף מיין קאריערע צוליב די טייערע פרייזן פון טשיילד קעיר, פארשטיי איך ווי אנגעשטרענגט אזויפיל פאמיליעס פילן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך דירעקטע שריט פארברייטערן מיר צוטריט פאר עלטערן און אויפציהער פון קינדער. פאמיליעס וועלן האבן מער הרחבת הדעת וויסנדיג אז זייערע קינדער וועלן קענען באקומען זיכערע טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט ווען עס פעהלט זיך אויס."

אין קראפט פון אקטאבער 1, 2023, וועט ניו יארק סטעיט נאך מער פארברייטערן די בארעכטיגונג פאר CCAP, אונטער די פארוואלטונג פון די [ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS)](). פאמיליעס וועלכע נעמען אנטייל אין דעם פראגראם וועלן אויך זעהן זייערע טשיילד קעיר קאסטן ווערנדיג באגרעניצט צו 1 פראצענט פון די סך הכל סומע מיט וויפיל די פאמיליע'ס איינקונפט איז העכער פון די ארימקייט שטאפל. ניו יארק סטעיט האט אין צוגאב געהעכערט די צאל פון ערלויבטע יערליכע פארפעלטע טעג פון 24 צו 80 טעג אין א באמיאונג צו מאכן טשיילד קעיר הילף אייניג אריבער לאקאלע דיסטריקטס.

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס צייטווייליגע קאמישאנער, סוזען מיילס-גוּסטאַוו, האט געזאגט,** "זיך פארפליכטן צו היסטארישע טשיילד קעיר פינאנצירונג איז איין זאך, אבער אינוועסטירן אין ממשיות'דיגע פראגראמען דארט וואו עס קען האבן די גרעסטע השפעה צו נאכקומען די באלדיגע באדערפענישן פון ניו יארקער, איז אן אנדערע זאך. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן פארשטיין ווי קריטיש עס איז צו פונדאסנייי איסשטעלן אונזער טשיילד קעיר סיסטעם און עס אויספארעמען צו ווערן איינס וואס איז באזירט אין עכטע גערעכטיגקייט, פירנדיג צו מער צוטריט און אפארדעביליטי. עס איז דאס וואס קומט זיך פאר ניו יארק'ס שווער-ארבעטנדע פאמיליעס, און די OCFS איז שטאלץ צו איבערזעהן די טראנספארמאציע."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין ניו יארק'ס טשיילד קעיר הילף פראגראם העלפט זיכער מאכן אז עס איז דא צוגענגליכע און אפאָרדעבעל טשיילד קעיר פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס. די קריטישע אינוועסטירונג וועט זיכער מאכן אז מער פאמיליעס וועלן האבן פארברייטערטע צוטריט צו טשיילד קעיר סערוויסעס פון א הויכע קוואליטעט וואס זיי דארפן. איך בין שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו מאכן אפאָרדעבעל און צוגענגליכע טשיילד קעיר פאר א רעאליטעט פאר מער פאמיליעס אריבער ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענאטאר דזשאבארי בריספארט האט געזאגט,** "מיט די פעדעראלע געלטער פאר טשיילד קעיר באשטימט צו קומען צו אן ענדע זענען מיר אין סכנה פון אריינגיין אין א גאנצע נייע שטאפל פון קריזיס. עס איז מיין האפענונג אז די סאָבסידיס וואס מיר האבן געוואונען לעצטע פרילינג קענען האלטן די טשיילד קעיר סעקטאר אויף 'לייף סופארט' פאר גענוג לאנג ביז ניו יארק וועט קענען פולשטענדיג אדרעסירן דעם קריזיס אין אונזער בעפארשטייענדע סטעיט בודזשעט. עס קומט זיך נישט פאר קיין איין פאמיליע זיך צו מוטשענען צו טרעפן און זיך ערלויבן טשיילד קעיר, און עס קומט זיך נישט פאר קיין שום טשיילד קעיר ארבעטער זיך צו מוטשענען צו איבערלעבן."

**אסעמבלי מיטגליד ענדרוּ העוועסי האט געזאגט,** "איך בין געוואלדיג שטאלץ מיט די אינוועסטירונגען וואס ניו יארק סטעיט האט געמאכט וועלכע וועלן אויסברייטערן אפאָרדעבעל טשיילד קעיר צו פאמיליעס דורכן באגרעניצן די באצאלונגען ארויס פון זייער אייגענע טאש צו 1% און העכערן די בארעכטיגונג צו קענען באקומען סאָבסידיס צו 85% פון די סטעיט'ס מיטלגארטיגע איינקונפט. א דאנק פאר ספיקער היעסטי, גאווערנער האקול און מאיאריטעט פירערין סטוּערט-קאזינס פאר זייער פעלזן-פעסטע פירערשאפט און פארן מאכן די פארבעסערונגען צו אונזער טשיילד קעיר הילף פראגראם פאר א מציאות."

די גאווערנער בלייבט פארפליכטעט צו פארברייטערן אפאָרדעבעל, פארלעסליכע טשיילד קעיר אריבער ניו יארק סטעיט. די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האט אוועקגעשטעלט דעם ['ארבעטסקראפט אנהאלטונג גרענט פראגראם' (Workforce Retention Grant Program)]() וואס טיילט צו 500 מיליאן דאלאר אין נישט-אויסגענוצטע פעדעראלע געלטער צו פארטיילט ווערן אלץ גרענטס פאר בארעכטיגטע טשיילד קעיר פראגראמען; א נייע 25 מיליאן דאלארדיגע 'ארבעטסגעבער טשיילד קעיר טעקס קרעדיט' וועט געגעבן ווערן פאר ביזנעסער אין לויף פון די קומענדיגע צוויי יאר צו פארשאפן נייע טשיילד קעיר פלעצער און פארברייטערן עקזיסטירנדע אפציעס פאר זייערע ארבייטער; און די סטעיט האט געמאכט נאך א 4.8 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין א נייער פראגראם וואס ווערט די ערשטע מאל אויספרובירט אין וועלכע די ארבעטסגעבער שטעלן צו טשיילד קעיר פאר זייערע ארבייטער.

די גאווערנער האט אויך לעצטנס אנאנסירט אז מער פון 48,000 ניו יארק סטעיט [מיליטער פאמיליעס קענען יעצט באקומען טשיילד קעיר באצאלונגען הילף](), דעקנדיג 15,000 סטעיט-לייסענסירטע טשיילד קעיר פראוויידערס. די מיליטער באצאלונגען הילף וועט יעצט באצאלן די קאסטן פון טשיילד קעיר וואס

קענען נישט געדעקט ווערן דורך די עלטערן ווי אויסגערעכנט לויט די סך הכל איינקונפט פון די פאמיליע ביז א מאקסימום טשיילד קעיר פרייז פון $1,800 פער חודש פער קינד.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418